א טאטע ביי א זכר, וואך נאכט, ברית,

ט.ב. שאץ מאץ

מזל טוב! מזל טוב!

נולד לו בן זכר נתרפא כל המשפחה, די גמ' זאגט אשרי מי שבניו זכרים, טייערע חבר! דו ביסט היינט אריין אינעם גדר צו זיין א "אשריי" אויף וועמען חז"ל זאגן אז וואויל איז צו דיר אז ס'איז דיר געבוירן געווארן א בן זכר, דעריבער הייב איך טאקע אן מיין ארטיקל מיט א דאפלטע מזל טוב,

א איד דארף זיך פרייען אז ס'איז אים געבוירן א בן זכר, ווי דער פסוק זאגט (משלי כ"ג) גיל יגיל אבי צדיק ויולד בו וישמח בו און דערנאך שטייט ישמח אביך ותגל יולדתיך, ווי די מפרשים טייטשן דאס אויס גייט דאס ארויף אויף יעדע בן זכר וואס ווערט געבוירן, אין אמת'ן אריין ווי מיקוקט נאר אין דברי חז"ל און סיי וועלכע ספר זעהט מען מוראדיג שטארק דעם חלק השמחה ווען סיווערט געבוירן א בן זכר און מ'איז אים מכנים בבריתו של אברהם אבינו, די לשונות פון אלע ספרים איבער דעם חלק השמחה איז מוראדיג, אבער לאמיר נישט כאפן, צום שמחת הברית וועל מיר נאך אנקומען בעזי"ה צו דעם ווייטער במשך דעם ארטיקל, א שטארקע לשון שטייט פונעם יסוד ושורש העבודה "כל איש ישראל שנולד לו בן זכר מיום הוולדו יכנים שמחה עצומה בלבו כי חסדו עליו גבר לזכותו בבן זכר" און ווייטער זאגט ער "ראוי לאדם גם לרבות כל השבעה ימים מיום הלידה עד יום המילה להכנים הודאה עצומה בלבו" דאס איז טייטש אז א מענטש וואס איז אים געבוירן א בן זכר דארף טון אלע פעולות אין די וועלט אז זיין הארץ זאל ווערן בשמחה, דאס איז אויסער די פוסקים וואס האלטן אז מידארף מאכן ביי א בן זכר א שהחיינו מיט א הטוב והמטיב,

די ערשטע זיבן טאג

די ערשטע פאר טעג נאך די לידה דארף א איד מייחד זיין אפאר מינוט צייט יעדן טאג פאר הודאה לד' אז ס'איז אים געבוירן געווארן א געזונט לעבעדיג קינד, ווי געשריבן אין מיין "קידוש ארטיקל" אז די בעסטע צייט מייחד צו זיין פאר שבח והודאה איז דעם ערשטן שבת, וואס במשך דעם שבת קען מען אלין טרעפן אביסל צייט, אבער ביי א בן זכר קומט צו נאך א ענין פון תפלה, דהיינו אז אין די ערשטע זיבן טעג פון די לידה ביז די ברית איז א מוראדיג ענין און א עת רצון מתפלל צו זיין פאר די הצלחה פונעם קינד (פלא יועץ), ממילא דארף מען דאס אביסל צוזאמען שטעלן אינאיינעם ווען מ'ווידמעט

אין די פאר טעג אביסל צייט פאר אמירת תהלים ס'זאל דינען הן פאר הודאה און הן פאר תפלה, דאס פראקטיש'סטע וועג איז ווען מ'טיילט איין דעם תהלים צו ענדיגן לכה"פ איין מאל ביזן ברית, דהיינו יעדן טאג בערך 20 קאפיטלעך אזוי אז ביים ברית האט מען מסיים געוועהן תהלים, אין די זיבן טעג זענען פארהאן גרויסע ענינים וואס מ'קען מתקן זיין, (עי' קדושת יו"ט לימי החנוכה אז די ערשטע זיבן טעג פאר די ברית איז מען מתקן די זיבן מידות חג"ת נהי"ם, זיינע ווערטער זענען מיוסד אויף א אוהחה"ק עיי"ש אות ט"ו).

פארשטייט זיך גלייך ווי נאר דאס קינד ווערט געבוירן הייבן זיך אן די טרדות, צוטיילן די קינדער, מסדר זיין זכר, וואך נאכט, ברית, רופן מענטשן, און די טרדות הזמן איז גורם אז מ'האט נישט ריכטיג דעם קאפ אויפן פלאץ פארן קיום המצוה בעצם, ס'איז באמת א שאד, אזא זעלטענע הייליגע מצוה זאל ווערן פארוואסערט און פארשוועמט מיט טרדות און זייטיגע מניעות, א מענטש דארף זיך באמת מסדר זיין פאר יעדן פרייז ער זאל האבן די מח און זיין דערביי הונדערט פראצענט, מ'דארף מאכן די מינימום הכנה צו אזא זעלטענע מצוה,

איך האב שוין געשריבן אז ווען מ'איז מבשר די בשורה טובה ווערט מען נתלבש מיט א ניצוץ פון אלי' הנביא אזוי שטייט אין מאור עינים פ' ויצא, ביי א בן זכר וואס גייט ביים ברית אויפן כסא של אלי' האט דאס מער באדייט, דער טאטע האט א כח צו באקומען השפעות פון אלי' הנביא דורך מבשר זיין די גוטע בשורה פאר זיינע גוטע פריינד און קרובים, קיצור ער איז זוכה צו גילו אלי' אויף א געוויסע אופן...., ברודער מיינער! שיק נישט אלי' הנביא צום טעקסט מעסעדש.... לאז אים קומען ארגינעל, זיי מבשר גוטע בשורות מיט דיינע אייגענע אברים, וועט זיכער די השפעה פון אלי' הנביא זיין שטערקער,

ס'איז געוועהן מקומות ווי מ'האט געוופן די קינדער יעדע נאכט ליינען קר"ש אלץ א שמירה פארן קינד (מנהג ירושלים), ביי אונז פירט מען זיך נישט אזוי אבער כאטש זאל דער טאטע ליינען קר"ש ביים קינד בעטל יעדע נאכט מיט אביסל מער כוונה, אין מגדל עוז פון יעב"ץ שטייט אז די מנהג איז יעדע נאכט זאל מען לערנען ביים קינד עטליכע ת"ח, דאס איז אויך א מנהג וואס מיר זענען נישט מקיים אבער אויך אזוי קען דער טאטע אליין עטוואס האלטן דעם מנהג ווען ער קען לערנען א משנה צוויי ביים קינד ס'איז א שטארקע סגולה,

<u>הכנה להברית</u>

כאטש וואס באמת דארף מען קודם רעדן פונעם זכר, אבער נישט אייביג איז דער זכר דעם ערשטן טאג נאך די לידה, ווידער די הכנה צום ברית איז יא נוהג דעם ערשטן טאג פונעם לידה,

טייערע חבר! אויף דיר ליגט יעצט דעם חוב פון מל זיין דיין קינד כמבואר בגמ' קידושין אבער וויבאלד רוב עולם קען דאך נישט אליין מלין נישט יעדער איז א אומן יד איז מען יוצא די מצוה דורך א שלוח, אבער עכ"ז דארף דער טאטע וויסן ווי איין און ווי אויס, וואס באדייט די מצוה און וואס איז זיין תפקיד, די פשוט'סטע זאך איז צו נעמען א ס' דרך פקודיך פון הייליגן בני יששכר און דורך לערנען די מצוה ב' מצות מילה, דעם חלק המעשה, דיבור, מחשבה, ווי דער בנ"י צוליינט דאס ענין גאר שיין, און די טעמי המצוה, ווייל דער בנ"י שרייבט בפיי אז וויבאלד מ'פסקינט אז מצות צריכות כוונה ממילא מוז מען האבן כוונה בשעת מעשה און אזא מצוה ווי מילה איז נישט מעגליך איבער צו מאכן א צווייטע מאל ביי דעם קינד, ממילא מוז זיין א מחשבה בשעת מעשה, אינזינען צו האבן די טעמי המצוה מיט די כוונה, און דארטן (אין דרך פקודיך) קען מען געפינען אלעס, א גרעסער בר הכי לערנט שוין אביסל די הלכה פשוט די מחבר מיט באר היטב מיוועט זיך אליינ סנישט גלייבן וואס מ'טרעפט אלץ אין שו"ע, אויסער דעם איז היינט שוין דא גאנץ פיינע ליקוטים ווי מ'קען ווערן א ת"ח איבערנאכט, מ'קוקט אהער און אהין און מ'כאפט דאס ענין גאנץ שנעל, אבער דאס איז זיכער אז עטוואס הכנה מוז געטון ווערן על אף די אלע טרדות און שטערונגען,

צווישן די הכנות דארף מען מסדר זיין דעם מוהל אראפ רופן קומען קוקן דאס קינד, (איך בין מיך נוהג, אויב איינער שרייבט מיינע מנהגים.... אז איך רוף ביי יעדן קינד א אנדערע מוהל, איך וויל נישט האבן קיין מארגעדיש ביי קיינעם) מ'דארף זיך מסדר זיין פון פריער מכבד צו זיין די כיבודים, סנדק, קוואטער, אז די נכבדים זאלן זיין גרייט צום כיבוד, די איבריגע כיבודים קען מען זעהן על אתר,

דעם נאמען פונעם קינד איז א מערכה פאר זיך, ס'שטייט אין ספרי קודש אז דאס איז א ענין פון רוח הקודש וואס מ'שיקט אריין צום טאטן אזוי שטייט אין דברי יחזקאל החדש בשם השר שלום זי"ע ועוד, געווענדליך גייט דאס לויט די סדר פון די משפחה אז מ'געט א נאמען נאך די זיידעס איז א סגולה פאר ארוכות ימים, ווי אויך דארף מען זיך רעכענען מיט די געפילן פון די יולדות ס'קומט זיך איר מיט רעכט נאכן דורך גיין חבלי לידה, הגם איך האב שוין לאנג געקלערט וואס איז טאקע דער ענין אז מענטשן שמועסן אויס די נעמען מיט א רביין אדער מיט א ערליכע איד, מילא מ'האט א ספק וועלכע נאמען צו געבן און מ'וויל א שאלת חכם פארשטיי איך אבער סתם אזוי? ס'שטייט דאך אז דאס איז א ניצוץ פון רוח הקודש פארן טאטן?, לעצטנס האב איך געזעהן אין א קונטרס (איך געדענק נישט פון וועמען) אז דאס גופא איז א חלק פונעם רוח הקודש אז דער רבי ענפערט א תשובה וועלכע נאמען צו געבן דהיינו אז מ'האט סייעתא דשמיא מ'שיקט פון הימל אז דער טאטע זאל הערן פון זיין רביין וועלכע נאמען צו געבן, ואם קבלה הוא נקבל,

ס'זענען דא משפחות וואס די נעמען זענען אזא סענסעטיווע מערכה, מיין זייט - דיין זייט, צומאל קריגן זיך די עלטערן דהיינו די זיידע און באבע פונעם קינד נאך וועמען די נאמען געהערט, הלואי מ'זאל נישט וויסן, אבער איין זאך דארף מען יא וויסן ס'איז א זמן שמחה און א נאמען איז א יסוד אויפן לעבן, ס'איז נישט כדאי צו מאכן קיין קריגערייי פאר א נאמען, די בעסטע נאמען איז "שלום".....

<u>שלום זכר</u>

דעם ערשטן שבת איז דער מנהג מ'מאכט א זכר, לכתחילה איז דער מנהג געווען אז מ'קומט זיך צוזאם בבית היולדת ווי די פוסקים שרייבן לנחם את הילד צו טרייסטן דאס קינד אז ער האט פארגעסן דאס גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט בימי עיבורו, דערפאר געט מען טאקע דעם מאכל ארבעס - באנדלעך וואס איז כעין מאכלי אבלים, דער לשון אין רמ"א איז (יו"ד סי' רס"ה) נהגו לעשות סעודה ומשתה בליל שבת לאחר שנולד זכר נכנסים אצל התינוק שם והוא ג"כ סעודת מצוה, היינט אבער איז אין פיל מקומות נישט דער מנהג אזוי אז מ'גייט בבית היולדות, (עכ"פ אין אמעריקא איז אזוי דער מנהג) קומט מען זיך צוזאם אין ביהמ"ד, און מ'וואונטש אן דעם בעל שמחה לחיים,

דער קאזניצער מגיד אין פ' אמור זאגט אז דער שלום זכר ברענגט א שפע קודש אויפן קינד, פון צאנזער רב שטייט אז ווען מ'גייט צו א קינד צום שלום זכר איז דאס מסוגל צו יראת שמים, אבער ס'איז משמע אז דאס איז נאר געזאגט געווארן ווען מ'גייט טאקע בבית היולדות ווי דאס קינד איז כמ"ש הרמ"א נישט סתם קומען אין ביהמ"ד טרינקען ביר, נו גיי פארעכט די וועלט, וואס יא, דער טאטע מיט זיינע קינדער ביי זיך אינדערהיים אויב עסט ער צוזאמען מיט די יולדות צו ביים שווער אינדערהיים ווען די יולדות מיטן קינד זענען דארט, זאל מען עסן דארט ארבעס און טרינקען לחיים ווייל דאס איז די עיקר סעודה פונעם שלום זכר, דער מנח"א שרייבט איז אות חיים ושלום אז עסן ארבעס ביים זכר איז מסגול קעגן עצבות, דאס איז א זאך וואס מ'קען היפש ניצן בימינו אלה, (בפרט א קימפעטארן אין אירע עמאציאנעלע מאמענטן....)

למעשה קען דער שלום זכר דינען אלץ א שטיקל סעודת הודאה, אז די יולדות מיטן קינד זענען ארוים פון א סכנה,

פאקטיש איז די לידה א זמן וואס איז א סכנה פאר די מאמע מיטן קינד, נישט אימזיסט האט מען אריין געלייגט אינעם נוסח נאך תהלים וכל היושבות על המשבר תצילם וכו', איצט מיטן טרינקען לחיים געט מען אפ א שבח והודאה פארן קל חי אז מ'האלט שוין דא ב"ה, ס'איז א גוטע מנהג ווען עטליכע חבירים אדער משפחה זאלן זינגען א ניגון של שמחה א ניגון לכבוד שבת פשוט אלץ שבח והודאה, ווי דער פסוק זאגט, עם זו יצרתי תהלתי יספרו, דא האט עס א בעסערע מכוון עם זו יצרתי גלייך נאך די יצירה תהלתי יספרו פארצייל די שבחים פונעם באשעפער, אז מ'זינגט קי־ה רבון עלם ועלמיא און מ'פארציילט די שבח פון די בריאה האט מען יוצא געוועהן דעם חלק השבח והודאה.

בעצם דער שבת אליין האט א טיפע באגריף ווי די מדרש זאגט אז מ'איז מל דעם קינד הערשט צום אכטן טאג כדי ס'זאל דורך גיין א שבת לראות פני מטרנותא, שלום זכר איז א לשון פון שלימות מיט דעם שבת ווערט דאס קינד א אדם השלם, דעם שבת קומט אראפ די הארה פונעם קומענדיגע וואך וואס גייט עושה רושם זיין אויפן קינד לעולמי עד, ס'איז אזוי ווי א שבת פאר די חתונה יעצט איז א שבת פאר די ברית, און ווי צדיקים זאגן אז דווקא שבת איז מען מנחם דאס קינד וואס האט פארגעסן זיין תורה ווייל מיטן כח פון שבת באקומט מען צוריק א הארה אין תורה, און אזוי שטייט טאקע פונעם בעלזא רב מהרי"ד (פ' תזריע) אז וויבאלד מ'האט באשוואוירן דאס קינד תהי' צדיק ואל תהי' רשע מיטן דעם שלום זכר בליל שבת טוט מען א פעולה אז דאס קינד זאל געדענקען אט די שבועה, און אויך שבת הוא מלזועק ורפואה קרובה לבוא דעם שבת איז מסוגל אז די יולדות זאל טאקע צוריק קומען צו די כוחות און זיין א שטארקע געזונטע מאמע צו לאנגע געזונטע יארן, זאגט'ס אלע אמן.

וואך נאכט

אינמיטן טאג קומען די קינדער ליינען קר"ש אסאך מאל רופט מען דעם עלטערן קינד פונעם ניי געבוירן בעבי וואס גייט שוין אין חדר אז ער זאל קומען מיט זיין קלאס, ס'איז גאנץ א וויכטיגע זאך ווייל סוף כל סוף איז דאס קינד יעצט ערגעץ אויף געסטעריי ביי א קרוב נו זאל ער באקומען אביסל עטענשאן פון זיין ניי געבוירענעם ברודער (קאמפאטישאן....), און מ'טיילט פעקלעך פאר די קינדער וואס ליינען קר"ש,

דער וואך נאכט בעצם, למען האמת האבן שוין אנדערע מקדים געוועהן ס'שטייט שוין געשריבן וועגן דעם אין ספרים אז מ'האט געמאכט פונעם עיקר א טפל און פונעם טפל א עיקר, אבער איך שפיר אז איך אליין מוז שרייבן וועגן דעם, דאהי איז דאס געווארן לעצטנס (אבער נישט ביי אלע קרייזן) אז דער וואך נאכט איז געווארן דער עיקר און דער ברית א טפל, ס'טוט מיר וויי, מענטשן האבן פשוט נישט קיין השגה וואס מיינט א סעודת ברית, ווי הייליג ווי חשוב און ווי טייער ס'איז, ווען מענטשן וואלט געוויסט וואלט מען זיך געשטופט צו יעדע סעודות ברית ווי די בחורים ביים קעיק טישל נאך א תענית....

צום וואך נאכט קומען מענטשן, קרובים, גוטע פריינד, מ'עסט, מ'טרינקט, מ'איז גוט אויפגעלייגט, ס'דרייען זיך אדורך 100 מענטשן, און צום ברית קוים מ'שלעפט צוזאמען א מנין, ס'איז א בושה!, אמת נישט איבעראל איז אזוי, אין ארץ ישראל אין אייראפע איז די סעודת ברית א גרויס עסק, ווי אויך ביי פארשידענע חצרות דאהי איז א ברית נאך געבליבן א עיקר און די וואך נאכט א טפל, אבער ביי היפש מקומות אין אמעריקא איז פארדרייט געווארן די יוצרות, איך פארשטיי מ'קען מלמד זכות זיין אז מענטשן ארבעטן שווער אגאנצן טאג און דערפאר האט מען ביינאכט מער צייט ווי בייטאג, שוין מסכים וועל מיר נאך צוריק קומען צום סעודת ברית שפעטער.

אויב אזוי אז דער וואך נאכט איז נישט קיין עיקר מוז דאס נישט זיין אזוי גרויסארטיג און אזוי טייער, מ'קען עס מאכן גאנץ נארמאל און שפארזאם, רוב אידן וועלן דיר מוחל זיין אז דו וועסט זיי נישט געבן נאך 10'ע ביינאכט 3 ערליי קיגלען אין די האנט אריין, אז ס'איז דא אביסל קעיק און פרוכט אויפן טיש איז פונקט גוט, מ'מאכט א ברכה מ'וואוטשט לחיים, מ'ליינט קר"ש וויפיל נעגל אויף דאך.... און מ'גייט אהיים, דאס ברייטע אויסגעבעריי ביי א וואך נאכט האט נישט קיין מקור, ס'איז קוים א סעודת מצוה עפ"י חסידות, אין דרך פקודיך שטייט דעם לשון בהרבה מקומות איז דא א מנהג אז מ'מאכט א סעודה בליל לפני הברית און ער האט א סמך צו דעם פון א זוהר, אוודאי איז דער נאכט גאר א הייליגער אבער צו מאכן פון דעם א עיקר איז א זילזול אינעם עצם ברית,

(גראדע האב איך געזעהן שטיין בשם ס' בית לחם יהודה א גליון אויפן שו"ע יו"ד ס' רס"ה, און אויך בשם ס' אור צדיקים, בזה"ל בליל המילה נהגו לרקד ולשמוח.... איר הערט? מ'דארף טאנצן, אהער מיט די מוזיק....)

אני כשלעצמי שפיר זיך דאנקבאר פאר מיין ידיד וועלכע האט מיר צוגעשטעלט א וואך נאכט פאר א ביליגע פרייז, און משום אל תמנע טוב וועל איך מפרסם זיין דעם לינק און דער נאמען פון זיין קעטערינג, vachtnacht.com.

ביים וואך נאכט אליין איז דער מנהג מ'צינט אן אייניגע לעכט, און מ'זעהט אז איינע זאל פארציילן די מעשה פון בעשה"ק וואס איז מסוגל לשמירה, איך בין אמאל געוועהן ביי א וואך נאכט ווי האדמו"ר מבורשטין שליט"א האט פארציילט די מעשה פון די דריי נקמות מקובל פון הרה"ק ר"מ מרימנוב זי"ע, עס זענען דא פארשידענע מנהגים לגבי די מעשיות אבער הכל מודים אז מעשיות פון

צדיקים און סיי וועלכע מעשה האט אין זיך סגולות ושמירות, מאנכע פירן זיך אז היות ס'איז דא פארשידענע לימודים (געדריקט אין ס' כל בו למילה) וואס מ'זאגט בליל היוואך נאכט אז וויבאלד ס'איז שווער פארן טאטן אליין צו זאגן אלעס טיילט מען זיך איין מיט קאפיס און די משפחה אדער באקאנטע זאגן צוזאמען יעדער זאגט א אנדערע פאר בלעטער אזוי ווערן געזאגט דאס גאנצע תיקון ליל וואך נאכט.

בעצם איז אבער דער נאכט גאר א שטארקע ענין, אין יט"ל פ' עקב שטייט אז ס'איז א הכנה על שם העתיד, אנדערע ווילן דאס צושטעלן צו א יו"ט ביינאכט, וואס כאטש דער עיקר יו"ט איז טאקע בייטאג אבער א נאכט פריער הייבט זיך עס אן, אין יסוד יוסף שטייט אז ווען מ'לערנט די נאכט איז דאס מועיל אז דאס קינד זאל זיין א שומר הברית, אין קב הישר שטייט אז ווען מ'איז עוסק בתורה די נאכט קומט אראפ אורות דורך אלי' הנביא ס'איז גורם ישועות פאר כלל ישראל, ס'איז דא מנהג צו זאגן פרשת הקטורת פאר שמירה, אלעס איז גאר הייליגע מנהגים, דער עיקר וואס מ'דארף צו טון איז מ'דארף זיך צוגרייטן מיט א שטיקל הכנה, אפי' נאר זאגן אפאר קאפיטלעך תהלים איז אויך עפעס.

לגבי אויפבלייבן אגאנצע נאכט בין איך נישט דא קיין מכריע וואס צו טון, אויב א איד שפירט אז ער קען אויפבלייבן פארוואשע נישט, ווידער אויב שפירט ער אז ער קען נישט מוז מען געדענקען אז די מארגנדיגע מצוה איז א מ"ע מן התורה און אויפבלייבן איז נאר א מנהג, און צו די מ"ע מן התורה דארף מען האבן די מוחין מ'קען נישט זיין מיד און צופארן (וכן הורה כמה צדיקים ורבנים), דער טאטע אליין פארשטייט זיך זאל אביסל יא לערנען אין דעם נאכט זיך אביסל צוגרייטן צום מארגענדיגן טאג, אדער צו לערנען דרך פקודיך אדער אנדערע גוטע ספרים וואס גרייטן אן צו ברית, אפשר זיך אפי' זיך פארקוקן עפעס א גוט ווארט וואס צו רעדן ביים ברית, און פארשטייט זיך העיקר ליינען קר"ש מיט גרויס כוונה.

ברית מילה

טייערע חברים! עס איז נישטא נאך א מצוה אין די תורה ווי מ'טרעפט אזוויפיל לשונות פון שמחה ווי די תורה האט מקפיד געווען אז דער טאטע זאל זיין בשמחה בשעת'ן טון די מצוה ווי ברית מילה, די גמ' דרש'נט אין מס' שבת שש אנכי על אמרתיך אז דאס גייט ארויף אויף מילה, און דער מוהל זאגט טאקע דעם פסוק פארן ברית, די גמ' זאגט אז אויך אז דוד המלך האט זיך דערפרייט ווען ער זיך דערמאנט אז ער האט א מילה, ביי אברהם שטייט התהלך לפני והיי תמים, והיה איז לשון שמחה, די גמ' זאגט עדיין עושין בשמחה, מ'האט אזוי אויסגעשטעלט דעם סדר אז מ'איז מל א קינד צום אכטן טאג שלא יהא אביו ואמו עצבים ואכמ"ל, דער דרכי תשובה זאגט והיית' אך' שמח' איז די ס"ת חת"ך דאס איז א רמז אויף מילה אז דאס דארף זיין בשמחה, דעריבער איז דיין תפקיד היינט צו זיין בשמחה, דו ביסט א בעל שמחה, און אלעס ארום דיר דארף זיין בשמחה.

א פחד פון א ווארט שטייט פונעם מיטעלע בעלזא רב מהר"י זי"ע וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו, וישמחו כל חוסי בך, לויט דיין שמחה וואס דו וועסט האבן ביים מקיים זיין אט די מצוה, לעולם ירננו אזא שמחה וועט מען האבן ווייטער אינעם עתיד, איך מיין אז די היינטיגע דיפרעסע וואס הערשט אויף די וועלט קען מען זאגן אז דאס איז א דירעקטע תוצאה פון אפכאפן און אזוי ביליג מאכן אזא זעלטענע טייערע שמחה של מצוה ווי א ברית מילה, ס'איז פשוט אזוי אויב א ברית מיט איר סעודה איז געווארן א קלענערע שמחה ווי א אפשערן איז נעבאך דא א ים מיט דיפרעסיע... ווייל אויב עס פעלט דעם וישמחו כל חוסי בך, איז דא א חסרון אין דעם לעולם ירננו... (איך בעט ענק מחילה אויך איך בין אביסל צו שארף....).

איך קען זאגן נאך שארפער, ס'שטייט אין שפת אמת פ' פנחס בזה"ל "כפי רוב השמחה והשתוקקות שיש לאדם בבריתו אשר חתם בבשרנו כך יוכל לשמור אות ברית", איר דארפט מער? איז דאס נישט א קלארע אנדייטונג אויף די שפל המצב וואס מיר לעבן היינט?, מענשטן זיכן סגולות, מ'שפרעכט זיך אפ ביי ספרדישע חאכאמים, מ'גיסט הושענא וואסער, מ'שלעפט קליינע קינדער צו קברים ווייל ס'הייסט אז דארט איז מען פארזיכערט, מ'ווייסט אליין נישט וואס צו טון פאר א סגולה, און דא איז דא אזא פשוטע סגולה, מאך דיין ברית מיט שמחה, אזא קליינע לייכטע סגולה, מאכסט א ברית זעה ס'זאל זיין מיט א שמחה כאפ עס נישט אפ ווי א יארצייט סעודה, די סגולה איז דאך אז דאס קינד וועט בלייבן הייליג, נו ווער וויל דען נישט האבן אזא שמירה אין טאש.

שחרית והברית

ס'איז דא א לשון הזוה"ק (ח"א צו:) אז אינעם טאג וואס א טאטע מאכט א ברית איז ער זוכה צו זעהן די שכינה פנים בפנים, פארשטייט זיך צו קבלת פני השכינה דארף זיין א שטיקל הכנה, מ'דארף פראבירן אויפצושטיין געגנוג פרי צו האבן צייט זיך צו גרייטן מיט ישוב הדעת צום ברית, אין מקוה קען מען זיך טובלין א עקסטערע טבילה אינזינען צו האבן דאס קינד דאס קינד אליין קען מען דאך נישט טובלין אבער אינזינען האבן דאס קינד כהכנת פאר זיין ברית מילה ביים טבילה קען זיין א שטארקע ענין, נעם מיט אין ביהמ"ד דיין שבת'דיגע טלית אזוי אז דער יו"ט'דיגן רושם זאל זיך שפירן אין אלע ביינער, דאוונען מיט א מתינות, און אפשר נאך טרעפן אביסל צייט צו זאגן א אידיש ווארט, א קאפיטל תהלים א תחינה, ווייל אויפן היינטיגן טאג ווערט געליינט דעם פסוק

אשרי תבחר ותקרב ישכון חצירך ס'איז א זמן וואס דער טאטע מיט די משתתפי הברית ווערן קרב און נאנט צום באשעפער.

שטייט פון ראשונים אז דער ברית זאל זיין דוקא אין א ביהמ"ד, א ברית מילה איז א קרבן און א קרבן איז געוועהן בבית המקדש דוקא, אזוי אויך דעם אייגענעם קרבן יחיד איז א ענין צו מאכן דעם ברית אין מקדש מעט - דעם ביהמ"ד, און דער פאלץ איז טאקע סמוך צום ארון קודש ווי די ספרי תורה ליגן ווייל דאס איז עושה רושם אויפן קינד צו האבן אהבה התורה, לידוע בעלמא איז געוועהן אמאל ביים חזון איש ווען ער האט געהייסן לייגן א קינד אויפן באלעמער ווי מ'לייענט די תורה זאגנדיג אז דאס איז א סגולה אז דאס קינד זאל וואקסן א ת"ח.

דער מנהג איז אז מ'איז מרבה בנירות מ'צינדט אן פיל לעכט אין ביהמ"ד ווען עס קומט פאר א ברית (אזוי שטייט בפי' אין תוס' סנהדרין ל"ב:) , דער יעב"ץ אין מגדל עוז שרייבט אז מ'זאל צינדן קודם דריי לעכט פאר אברהם יצחק ויעקב, און דערנאך 12 לעכט פאר די י"ב שבטי קי-ה, די נירות איז נישט נאר גולטיג אויפן טאטן נאר בכלל אין ביהמ"ד דארף זיין מער לעכטיג און מער נירות ווי געוועינדליך, (איך געדענק טאקע נאך מיט יארן צוריק אין ביהמ"ד הגדול ראדני איז טאקע די אנגעצינדענע טשילארים געוועהן א סימן פארן עולם אז מ'זאגט נישט קיין תחנון...)

ווען מ'זעהט אז ס'ווערט נענטער די צייט צום ברית בערך א האלבע שעה פריער דארף מען זיכער מאכן אז די נשים זאלן זיין גרייט מיטן קינד און קומען אין ביהמ"ד גענוג פרי כדי נישט צו פארשלעפן דעם ברית, אמאל קען מען מיט 15 מינוט ווערן אויסגעשפילט פון מענטשן ביי די סעודה (ליידער...).

קוואטער!!! דער אנגעגרייטער קוואטער פון פריער גייט צום טיר פון ביהמ"ד און ברענגט אריין דאס קינד, איבער די גרויסקייט פון קוואטערים דארף'ן מיר נישט זאגן כידוע האט דאס אין זיך גאר פיל הייליגע סגולות, און ווי נאר דער קוואטער ברענגט אריין דאס קינד זאגן אלע פארזאמלטע מיט שמחה "ברוך הבא", דער טאטע זאל זיך מסדר זיין אביסל פריער די כיבודים און איבער געבן פאר משמש ער זאל ווייסן פון פריער וועמען אויסצורופן, בינו לבינו איז דא א הייליגע פארכטיגע תפלה פונעם בעל שבט מוסר וואס דער טאטע זאל דאס זאגן פאר די ברית, ס'איז כמעט נישט מעגליך אדורך צו לאזן אזא תפלה אן איין אמת'ע קרעכץ צו א טרער, דער עת רצון איז מוראדיג און ווען דען זאל א טאטע בעטן פאר זיין קינד אויב נישט יעצט.

לשם יחוד וכו', שטייט אין אגרא דכלה פ' לך אז מ'דארף זאגן בפה מלא מיטוט די מצוה על דעת הצדיקים, ווייל אזוי האט אברהם אבינו אויך געטון ווען ער האט געזאגט פאר אנשי ביתו וואס האבן זיך גע'מל'ט, וכל אנשי ביתו נמלו אתו, אתו מיינט אויף זיין דעת און אויף זיין כוונה עיי"ש, אפשר קען דאס דער טאטע מכוון זיין ביי די ווערטער פון זיין ברכה להכניסו בבריתו של "אברהם אבינו" על דעת א"א און אלע צדיקים.

דער מוהל זאגט זה הכסא, און דער טאטע האט אינזון אז אלי' הנביא זאל טאקע מגין זיין אויפן קינד ווי מ'זאגט יעדן מוצש"ק איש תשבי על שמו נקרא תצליחינו על ידו בתורה, דער טאטע לייגט אראפ דאס קינד אויפן שויס פונעם סנדק ווי די לשון הטור (יו"ד רס"ה) איז, מנהג שאבי הבן עומד על יד המוהל להודיעו שהוא שלוחו כדאמרינן לגבי קרבן אפשר שיהא קרבנו של אדם קרב והוא אינו עומד על גביו?, דאס מיינט אז דער טאטע איז דער עומד על גביו ער איז ווי די אנשי מעמד אין בית המקדש וואס זענען געשטאנען אויף זייער קרבן, אסאך פירן זיך טאקע ארויס צו זאגן מיטן מויל ממש פארן מוהל איך מאך דיך פאר א שלוח, ווי אויך איז דער מנהג אז דער טאטע האלט דעם מוהל מעסער און גיבט דאס איבער פארן מוהל בשעת'ן ברית.

דער מוהל מאכט די ברכה על המילה דער טאטע דארף מכוון זיין מיטן ענפערן אמן אז כאילו ער אליין איז דער עושה המצוה, און יעצט מאכט דער טאטע אליין די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של א"א, מיט א שבח והודאה אז מ'איז זוכה צו אזא הייליגע זעלטענע מצוה ווי ברית מילה, די כח פון אט די ברכה איז גאר גרויס און הויעך סיי פארן טאטן און סיי פארן קינד.

אמן! ענפערט דער ציבור, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמעש"ט, הונדערטער פשטים זענען שוין געזאגט געווארן אויף די ברכה כשם שנכנס לברית כן יכנס, זאל דער אייבישטער העלפן אז אלע ברכות מיט אלע כוונות זאלן מקוים ווערן, ווארום דאס איז מקובל אז בעת דאס קינד וויינט איז א שטארקע עת רצון און מיקען פועלן, (לעצטנס איז דאס געווארן מער אויפגעכאפט ביי די ווייבער מ'טיילט סגולות מיט תחינות וואס צו שעפשענען בשעת דעם ברית זיי ווערן דאך זייער עמאשענעל ווען די בעבי וויינט....) דער טאטע קען זיכער מתפלל זיין בשעת מעשה ביז ווילאנג דער מוהל איז פארטיג מיט די גאנצע מלאכת הקודש, ס'איז טאקע דא געדריקט אין רוב קונטרסים לברית מילה א שיינע תפלה פונעם יעב"ץ וואס דער טאטע זאל זאגן נאכן ברית, די תפלה איז מיוסד ווי איינער וואס איז מתפלל נאך זיין הקרבת הקרבן אז זיין קרבן זאל אנגענומען ווערן בשלימות.

דער בעל הברכות מיט דער סדנק שני – עמידה לברכה ווערן מכובד, און דער מברך הייבט אן בורא פרי הגפן, מ'גרייט צו א קינד אונטער די בר מצוה וואס זאל יוצא זיין דעם ברכה און נאכדעם טרינקען פונעם כוס, אשר קדש ידיד מבטן.... דא בעט מען א תפלה אז דאס קינד זאל זיין ערליך און געזונט.

אלקינו ואלקי אבותינו קיים את הילד הזה, אין טייל מקומות ווערט צוטיילט די ברכה עקסטער פון קריאת השם, דא ווערט דאס קינד באקרוינט מיט זיין שם קדוש אין א נאמען פון א אידיש קינד הערשט א קדושה ווי מיר זעהן ביי מצרים שלא שינו את שמם, בעט מען זיך דא קיים את הילד הזה לאביו ולאמו ויקרא שמו בישראל.... דער טאטע רוימט אריין דעם סוד אין די אויערן פונעם מברך ווי די נייגעריגע אידן ארום ווארטן שוין צו הערן דעם גרויסן סוד פונעם נאמען, ווער רעדט נאך די קינדער די גרעסערע ברודערים פונעם רך הנימול זיי זענען יעצט געשפאנט ביזן הימל צו הערן די נייע בעבי'ס ניי נאמען..., ישמח האאאאאאב ביוצאי חלציו ותגל אמו בפרי בטנה, ככתוב...., ואמר לאאאאאך בדמיך חיו, ואמר לך בדמיך חיו, בדמיך חיו, דא לייגט אריין דעם מוהל אדער דער מברך די פינגערים אין די וויין און מיגעט פארן רך הנימול פון די וויין אין מויל אריין, ווי די ב"י זאגט מ'מאכט דאס כצורת שק"י, איך האב געזעהן אז מוהלים טינקען צום ערשט איין די דריי פינגערים און לייגן אריין אלע דריי פינגערים אין מויל כצורת אות ש', און דערנאך דער ד' מיטן י' שרייבט מען אזוי מיטן פינגער אינעם מויל פונעם קינד,

הודו לד' כי טוב כי לעולם חסדו! זאגן אלע משתתפים, אלע פארזאמלטע גיבן אפ א שבח והודאה אז מ'האט א זכיי אז מ'איז זיך משתתף אין א ברית, פון ראשונים שטייט אז דער הודו לד' כי טוב באדייט אז דאס קינד איז געבוירן בשלום און ס'איז א בן זכר וואס מ'מאכט אויף אים א ברכה הטוב והמטיב, דומה לזה שטייט אין דרכי משה אז דאס קינד וואס קומט ארויס ממעי אמו איז גלייך ווי א יוצא מבית האסורים וואס זאגט הודו מיט א קרבן תודה יעצט אז ס'איז דא מנין זאגט מען צוזאמען הודו, אפשר להוסיף אז מ'זאגט צוויי מאל הודו א הודאה אויפן עבר און בקשה אויף לעתיד,

ראובן בן יעקב! זה הקטן גדול יהי', כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה לחופה ולמעש"ט, אמן, דער מוהל מיט א הויעך קול מאכט א מי שבירך לרפואת הילד און ער דערמאנט זיין נייעם נאמעם הוא ירפא את הילד הרך הנימול ראובן בן יעקב בעבור שנכנס לברית, אין כל בו שטייט יש שנהגו לברך התינוק הנמול ואח"כ אמו של קטן, (פון דא נעמט זיך דער מנהג צו וואונטשן מז"ט פאר די יולדות) מ'ענפערט אמן אויפן מי שבירך מיט א שמחה און מ'זאגט עלינו לשבח, דער עלינו לשבח נאכן ברית האט א באזונדערע כוונה שלא עשנו כגויי הארצות יעצט נאך די ברית מילה, אויך דער קדיש נאך דעם עלינו האט א באזונדערע חשובות דער בעל שבט מוסר איז מאריך אין דעם וועגן די גאולה מיט ברית מילה זענען מקושר,

טייל צדיקים פירן זיך צו בענטשן דעם רך הנימול יעצט ממש אויפן פלאץ, ס'איז דאך א אפענע תרגום יונתן פ' ויחי בך יברך ישראל ביומא דמהולתא, איינע פון די צדיקים האט זיך אמאל מיט הרגש אנגערופן צום רך הנימול איך בין דיך מקנא דו ביסט יעצט געוועהן אויפן מזבח....

לחיים וסעודת ברית

די משתתפים טרינקען לחיים און מ'וואונטשט זיך אן ברכות איינעם דעם צווייטן בשמחה וטוב לב, דערנאך וואשט מען זיך צו די סעודת ברית, פאר איך גיי אריין אין די נושא פון סעודת ברית מעג מען באטאנען דאס ענין פון די געלאנדטע צום ברית, ס'איז אנגענומען ביים עולם אז צו די סעודת ברית לאדנט מען נישט בפירוש וויבאלד אויב מ'רופט טאר מען נישט אפזאגן א סעודת מצוה און מענטשן האבן דערפון מורא דעריבער איז זיך דער בעל שמחה מונע פון רופן דירעקט צו די סעודה נאר מ'זאגט בדרך רמז די סעודה איז אויבן אין שטיבל, פרעג איך, מה קול הרעש אז מ'וועט רופן?, רוף יא, רוף דיין משפחה, רוף דיינע נאנטע חבירים, זאלן זיי טאקע קומען, זאל זיין אזא סעודה ברוב עם הדרת מלך, ווייז ארוים אז די יעצטיגע מצוה האט א חשובות ביי דיר, פארוואס זעהט מען דאס אין ניו יארק אז די סעודת ברית איז ממש א יתום שאין לו גואל?, שטייט אין רד"ק דוד המלך זאגט אספו לי חסידי כורתי בריתי עלי זבח, ביום שישראל עושים ברית מילה עלי זבח מאכט מען א סעודה שמחה ומשתה, אם כנים הדברים זאגן מיר אספו לי חסידי נעמט'ס צוזאמען מענטשן און מאכט'ס א סעודה, עלי זבח גייט'ס שעכטן פלייש, ס'זאל זיין.

די סעודת ברית איז ממש א דאורייתא אזוי שטייט אין פרקי דרי' אליעזר ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמ"ל, ה"ג - מ"ל ה"ג איז אכט מ"ל איז די מילה, איך גיי נישט מלקט זיין אלע מדרשים און דברי חז"ל וועגן דעם סעודת ברית, אבער אז תוס' זאגט אין פסחים (קי"ד) אז סעודת מצוה היינו סעודת מילה דאמר במדרש דניצול מדינה של גיהנום, נו דארף מען דעם בעסערע סגולות? סעדות ברית איז עני טיים אזא סגולה ווי קנאבל פון א פדיון הבן, און ווי מייערן ר"ה ביינאכט, איר דארפט בעסערע סגולות?, איך האב, סעודת ברית איז מסוגל לפרנסה, ווייל חת"ך איז די שם הפרנסה אין מצות מילה מאכט מען מיט חיתוך (כ"כ באות חיים ושלום – מונקאטש), גענוג גוט? ס'איז אפשר נישט אזוי קראנט ווי ג' בשלח פ' המן?

אין רמב"ן עה"ת פ' יתרו שטייט אז משה רבינו האט געמאכט א סעודת ברית פאר יתרו, ווייל ס'איז פונקט ווי א חתונה ווען א איד קומט אריין תחת כנפי השכינה א איד ווערט אריין געברענגט אינעם אידישן געזעלשאפט, ער ווערט היינט א "איד" מאכט מען א סעודה, ביי א חתונה פארשטייט יעדער אז דער מחותן וויל ס'זאל זיין וואס שענער און וואס מער שמחה, רבי איד היינט איז א חתונה, מאך א סעודה פון בשר ודגים וכל מיני מטעמים,

חלה, דגים, בשר,

אין דרכי משה שטייט "מצוה לאכול" בסעודת מילה, דער מונקאטשער רב זי"ע איז מרעיש עולמות אז די מתחדשים האבן דאס איינגעפירט אז מ'איז יוצא א סעודת ברית מיט מזונות, אין חכמת אדם (כלל קמ"ט) שטייט הסעודת מילה תהיי דוקא על לחם שמברכים עליו המוציא ולא על מיני מתיקה בלבד, ס'איז דא אזא מעשה אז א איד איז געקומען צו ר' משה'לע מ'סאווראן אז זיין קינד וויל זיך נישט וואשן פארן עסן, האט אים ר' משה'לע געפרעגט צו מ'האט זיך געוואשן צו א סעודה ביי די סעודת ברית פון דעם קינד, האט מען אים געזאגט אז ניין, זאגט ר' משה'לע אוודאי אזוי פון וואנעט זאל דאס קינד וויסן אז מ'דארף זיך וואשן צו א סעודה, מ'מאכט א המוציא מ'שניידט אויף א גרויסן חלה און מ'עסט לשם סעודת מצוה,

פיש – שטייט פון ציעשנובער'ער רב זי"ע אויב גיבט מען פיש ביי א ברית וועט דאס קינד קענען חומש, אויב גיבט מען פלייש וועט דאס קינד קענען גמרא, מ'זעהט בחוש ווי דער יצה"ר לאזט נישט אידן עסן פון אזא הייליגע סעודה, אלץ טרעפן מענטשן תירוצים דער מאגן אהער דער מאגן אהין, איך קען עפעס נישט עסן יעצט פיש, איך דערהייב נישט קיין פלייש, איך מאך מיך נישט פליישיג, ס'איז אלץ הבלים, זאג נאר סושי קענסטו עסן??? טשייניזע מאכלים עסטו ביי לאנטש? האסט נישט מורא פאר דיין מאגן ווען די עסט אלע פאדרייטע מאכלים, אויב אזוי מעגסטו יעצט אויך עסן,

און דער בעל הברית אליין זאל אויך נישט קארגן, אז ער וועט צושטעלן גוטע מאכלים וועט דער עולם אטאמאטיש עסן, גוטע פיש, ווארמע זופ, דער נאסאדער רב האט געהאלטן אז א סעודה אן זופ איז נישט קיין סעודה, אמאל ביים ירושלימ'ר רב הרמ"א פריינד זצ"ל איז געוועהן א סעודה אן קיין זופ האט ער געהייסן ברענגען א טעלער מיט הייס וואסער און אריין געלייגט ברעקלעך ס'זאל הייסן זופ עד כדי כך, מבשרו אחזה איך האב עס אליינס געזעהן ווען איך האב געמאכט א סעודת ברית און דאס עסן איז געווען גוט האט דער עולם זיך נישט ארויס געדרייט מיט תירוצים, פלייש האב איך נישט געגעבן קיין הארינג טשיקנס נאר געפרעגלטע קאטלעטס (איבער געצווינגענע פלייש) און יעדער האט זיך פארפליישיגט ביי די סעודה,

ס'איז א ענין צו טרינקען וויין ווייל די בשר איז א ענין פון אכילת זבחים און יין איז די נסכים, און ס'שטייט פון צדיקים אז דער בעל שמחה אליין זאל זיין עומד ומשמש, ווער רעדט נאך אז מ'קען מהנה זיין א עני אדער א הונגעריגן איד איז דאס א מוראדיג ענין, דאס בעסטע ווען מ'קען אריין שלעפן אן אייידיגן איד און אים באצאלן די קאסטן ער זאל מיטעסן די סעודה, דער עיקר איז אז די שמחה זאל זיין ניכר און ס'זאל זיך דערקענען די גרויסע שמחה אויף אלע משתתפים, (ווי וויט די שמחה דארף זיין קען מען זעהן אין א תשובה פונעם גאון החיד"א ווי ער שרייבט היות ס'איז דא א מנהג אין א געוויסע שטאט אז צו א ברית ברענגט מען כלי זמר און די יולדות איז א אבל ביי"ב חודש צו מ'מעג האבן כלי זמר, און דער חיד"א איז מתיר ובתוך הדברים ברענגט ער שטארק ארויס די שמחה פון די עלטערן עיי"ש בשו"ת חיים שאל סי' כ"א)

(במאמר המסגר הלוואי וואלט איך געקענט מאכן א סעודת ברית נאכמיטאג אויף א ברייטן פארנעם, ווען קיינער יאגט זיך נישט אוועק צו די ארבעט, מיט זמירות שירות ותשבחות ואמירת דב"ת אזוי אז ס'זאל גיין א רויך, אבער גיי טויש די וועלט, אמעריקא בלייבט אמעריקא)

דער שמש מאכט די מי שבירך'ס דער עולם צוקנייטשט די דאלארן פארן שמש אין די האנט אריין, מ'זינגט יום ליבשה, און מ'זאגט דב"ת, לכתחילה זאל זיך דער טאטע אליין פארקוקן עפעס א ווארט וואס צו זאגן ביים ברית, ס'מוז נישט זיין קיין אייגנס, נעם א שיינעם חת"ס, עפעס א זיס ווארט פון סיי וועלכע ספר פון סדרות לך – וירא ווי עס ווערט גערעדט בעניני ברית מילה, ס'מוז נישט זיין קיין לאנגע דרשות, זאג דאס ווארט און גיב ארויס א שבח והודאה פאר קב"ה עד הנה עזרונו ולא עזבונו, און דערמאן דעם נאמען נאך וועמען דער רך הנימול הייסט נאכן זיידן החסיד הותיק והתמים און ער זאל טאקע ראטן אין זיי, ווייל בשעת א שמחה איז א ספעציעלע זמן מזכיר צו זיין זכות אבות,

מ'גרייט זיך צום בענטשן, מ'דארף זיכער מאכן אוועק צו לייגן פון אלע מאכלים פאר די יולדות, ווייל מן הדין דארף זי זיך אויך וואשן צו א סעודה, און ווען מ'קומט אהיים און מ'ברענגט אהיים די סעודה וואשט זי זיך אויף די שריים פון די סעודת ברית,

נודה שלמך בתוך אמוני ברוכים אתם לה', דער בעל המברך זאגט פאר דעם נוסח און דער עולם ענפערט דעם פזמון נודה לשמך... די הרחמנים קען מען צוטיילן פאר קרובים וידידים, מאנכע זאגן אז ס'מוז זיין דוקא אויף א כוס, אנדערע זאגן אז נישט,

מזל טוב מזל טוב, אסאך נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, אי"ה ווייטער שמחות געזונטערהייט, מ'קומט אהיים נאכן ברית און מ'וואונטשט מזל טוב פאר די יולדות, און גלייכצייטיג זאל דער טאטע אליין אויך געהעריג בענטשן דאס קינד מיטן ישמך אלקים כאפרים וכמנשה, ווי דער תרגום יונתן זאגט בך יברך ישראל ביומא דמהולתא, כאטש וואס ס'איז דא א ים מיט פשטים וואס דאס מיינט אבער אין המקרא יוצא מדי פשוטו פשוט מיינט דאס אז אינעם טאג פונעם ברית בענטשט מען דאס קינד ישימך אלקים כאפרים וכמנשה,

שלישי למילה

דעם דריטן טאג פונעם ברית הייסט שלישי למילה, דער מקור פון דעם איז ביי אברהם אבינו וירא אליו ד׳ זאגט רש״י שלישי למילה הי׳, א פלא פון א לשון שטייט פון מהרש״ל יותר גדול סעודה של מצוה של שלישי למילה מיום המילה עצמה, שהרי שלישי למילה נאמר בו סעודה להדיא גבי אברהם, ויום המילה עצמה נדרש גבי יצחק רק מהגמל, איך היים נישט דא מאכן א ריזיגע סעודה פון בשר ודגים וכל מטעמים, אבער אי אפשר בלא כלום, מ׳דארף עפעס א שטיקל סעודה מאכן, ס׳מוז נישט זיין אין ביהמ״ד אבער אינדערהיים לייגן א טישטוך אויפן טיש און זיך וואשן צו א סעודה פון בשר ודגים איז זייער רעכט און נארמאל, ס׳איז דא אין דעם גאר הייליגע ענינים מיט סגולות,

זאל דער באשעפער העלפן אז ס׳זאל מקיום ווערן וואס דער צדיק ר׳ יושע׳לע טאמשוב׳ער האט געזאגט אמאל ביי א ברית ווען ער האט זיך מטריח געווען צו פארן מיילן ווייט צו א ברית, אז מיט יעדע פעולה דא אונטן אויף די וועלט ווערט נתעורר די זעלבע רושם אויף יענע וועלט, אונז האמיר מקיים געווען דא אונטן מצות מילה און זיך מטריח געווען צו קומען אויף דעם ברית, זאל הקב״ה אויך מקיים זיין מצות מילה ככתוב בתורתך ומל ד׳ אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך,

וואך נאכט מעשה

ליתר שאת לייג איך ארויף די וואך נאכט מעשה אויפן גראם

(בניגון שמזמרים אצל אדמו״ר מסקולעני ובהרבה מקומות מזמרים זאת במוצאי יום מנוחה)

דער הייליגער בעל שם טוב פארט אויפן וועג,

מיט קפיצת הדרך גאר א לאנגע וועג,

ער קומט אריין אין א אידישע שטוב ווי עס ברענען פיל ליכט,

אבער דער איד אליין באווייזט זיך מיט א טרויעריגע געזיכט,

--פרעגט אים דער בעש״ט מדוע פניכם רעים,

זאגט דער איד איך האב א גרויסע צרה אין דעי רגעים,

שוין עטליכע קינדער געבוירן ביי מיר אבער נישט מער גערדאכט,

זיי שטארבן פלוצלונג פארן ברית אינמיטן די נאכט,

״דער בעש״ט זאגט נישטא וואס צו זארגן,

אי״ה דער ברית וועט זיין דא מארגן,

פאר די תלמידים געהייסן אויפבלייבן און לערנען אגאנצע נאכט,

און חלילה די טיר פון הויז זאל נישט ווערן אויפגעמאכט,

״אינמיטן די נאכט הערט מען קלאפן אויפן טיר,

דער בעש״ט זאגט נישט עפענע איר,

פלוצלונג באמערקט מען ווי א ווילדע קאץ,

הייבט אן אריין צו קריכן אונטער די טיר דארטן אויפן פלאץ,

--דער בשע״ט פאר די תלמידים מיטאמאל געט א זאג,

דארטן דעם ווילדן קאץ שלאָג,

די תלמידים הייבן אן צו שלאגן און שמייסן,

ביז דער קאץ איז אנטלאפן אין די גאסן,

--דער ברית איז געפראוועט געווארן מיט א שמחה עצומה,

דער בעש״ט איז געוועהן סנדק בדחולי וברחומו,

דער פריץ פון שטאט האט געלאזט רופן דעם איד,

ווען ער איז אנגעקומען האט ער געזעהן ער איז פיל מיט וואונדן מיט בלוט,

״דער פריץ פרעגט זאג מיר ווער איז אין דיין שטוב אצינד,

זאגט דער איד דער הייליגער רבי דער בעש״ט זאל זיין געזונט,

זאגט דער פריץ איך בין א כישוף מאכער איך פלעג הרג׳נען דיינע קינדער,

אבער איך זעה אז דיין רבי קען אויך די ווינדער,

״רוף אים אהער לאמיר זיך מיט כישוף פארמעסטן,

לאמיר זעהן ווער ס׳וועט זיין אין כישוף דעם גרעסטן,

דער בעש״ט מיט די תלמידים זענען ארויס אויפן פעלד,

קעגן דעם רשע זיך אוועק געשטעלט,

--ער האט אנגערופן אלע מיני שידים ומזיקין,

אבער דעם בעש״ט האבן זיי נישט געקענט פארציקן,

דער מכשף האט גערופן א װאלד חזיר אפשר דאס וועט געלונגען,

אבער דער בעש״ט האט געמאכט אויף דער ערד צווי רינגען,

--דער חזיר איז דורך דעם ערשטן רינג אבער נישט דעם צווייטן רינג,

איז ער אנטלאפן דער מכשף זעהט ס׳איז נישט גרינג,

זאגט ער פארן בעש״ט יעצט זאלסטו באווייזן עפעס א כישוף זאך,

האט זיך אנגערופן דער הייליגער בעש״ט גלייך,

״ס׳זאל אראפ קומען פון הימל די אלע וועמען די האסט גע׳הרג׳ט יעדע נשמה,

און נעמען אין דיר די נקמה,

גלייך זענען געקומען פייגל און אויסגעשטאכן זיינע אויגן,

אים צוריסן אויף פיצלעך און אוועק געפלויגן,

כן יאבדו כל אויביך ד׳,

מזל טוב מזל טוב